ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## תצא

**(חלק כט שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת תצא, ז־יג אלול, ה׳תשפ״ה (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# תצא

א. גלייך נאָך דעם ציווי[1] אויף דעם איסור שעטנז – „לא תלבש שעטנז צמר ופשתים יחדיו" – זאָגט אָן תורה[2] „גדילים תעשה לך על ארבע כנפות כסותך גו'", און פון דעם וואָס די צווי פסוקים שטייען בסמיכות זל"ז לערנט מען אָפּ[3]: „גדילים תעשה לך – אף מן הכלאים"[4], אַז כלאים זיינען מותר בציצית.

עד"ז געפינט מען דעם היתר פון כלאים ביי די בגדי כהונה – צווישן די בגדי כהונה, וואָס כהנים טראָגן בע־בודתם במקדש, איז געווען דער אבנט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון שעטנז[5].

דאַרף מען פאַרשטיין:

עס זיינען פאַראַן דריי מיני כלאים – „בקרקע ובבהמה ובבגדים"[6], ווי די תורה רעכנט זיי דאָ אויס בהמשך אחד[7]: „לא תזרע כרמך כלאים גו' לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו לא תלבש שעטנז גו'"[8] [ועד"ז אין פ' קדושים[9]: בהמתך לא תרביע כלאים שדך לא תזרע כלאים ובגד כלאים שעטנז לא יעלה עליך].

איז מאי טעמא[10], וואָס כלאי בגדים האָט תורה מתיר געמאַכט ביי עבודה במקדש[11] (און ביי מצות ציצית), משא"כ ביי די אַנדערע צוויי מיני כלאים, בבהמה ובקרקע, געפינט מען ניט אַז דאָס זאָל זיין מותר ביי אַ מצוה אָדער ביי קדשים[12] (במקדש) וכיו"ב?

ב. אויסער די ג' מיני כלאים הנ"ל, איז פאַראַן נאָך אַן איסור וואָס איז דומה בתוכנו צו דעם איסור פון כלאים – בשר וחלב, און ווי ס'איז מבואר אין ספרים[13], אַז דער טעם האיסור פון בשר בחלב איז „כסוד הכלאים" – אַ תערובה פון צוויי מינים, וואָס יעדער פאַר זיך איז מותר[14], נאָר בהתערבותם יחד

1) פרשתנו כב, יא.

2) שם, יב.

3) יבמות ד, רע"א. פרש"י עה"פ. רמב"ם הל' כלאים פ"י ה"ד (ובספרי עה"פ – „שניהם נאמרו בדיבור אחד". וכ"ה במכילתא ורש"י יתרו כ, ח. וראה לקו"ש חט"ז ע' 237 הערה 41. ואכ"מ).

4) ל' רש"י עה"פ.

5) רמב"ם שם ספ"י. הל' כלי המקדש פ"ח הי"א־יב.

6) ל' הבחיי פרשתנו שם, י.

7) ראה בחיי שם. וראה לקו"ש חכ"ד ע' 148.

8) פרשתנו שם, ט־יא.

9) יט, יט. וצע"ק טעם שינוי הסדר בהסדרות.

10) אע"פ שכלאים חוקה היא (קדושים יט, יט ובפרש"י שם). וראה תו"כ לאחרי יח, ד* (ובפרש"י שם), ח' פרקים להרמב"ם פ"ו ועוד – נדו"ד ה"ז פרט בכלאים. – וראה לקמן סעיף ג ובהערות שם.

11) וי"ל אשר במקדש ציוותה ע"ז (ראה לקמן בפנים) ולכן אין שייך לנדו"ד שה"ז בדוגמת מליקה בעוף. ועוד. – וראה לקמן הערה 18.

12) ולהעיר מרמב"ם הל' כלאים פ"ט הי"א (בנוגע בהמת פסולי המוקדשין).

13) רקאנטי משפטים כג, יט* – הובא בשל"ה חלק תושב"כ שכא, רע"א (וראה פסחים מד, ב: נזיר לז, סע"א: ומאי חידוש . . כלאים נמי. ולהעיר מצפע"נ הל' מאכא"ס פ"ט ה"א. קונטרס השלמה כג, ב). ד"ה איתא במד"ת כשבקשו כו' תרל"ד (סה"מ תרל"ד ס"ע כט ואילך). ד"ה כשעלה משה תרס"ז (נדפס בסוף המשך תרס"ו – קה"ת תנש"א – ע' תרל). לקוטי לוי"צ על זהר כרך ב (ע' פט). תורת לוי"צ ע' מה.

14) ראה פסחים ונזיר שם: דהאי לחודי' כו' ובהדדי אסור.

*) בהברייתות שנתוספו ע"פ הילקוט.

*) ובאוה"ת משפטים (כרך ח ע' ג'קכו) משמע דזוהי כוונת הבחיי משפטים שם (ע"ש). וראה אוה"ת תצוה ס"ע א'תשטז. וראה גם של"ה שם. ואכ"מ.

ווערן זיי אַ דבר האסור[15].

— געפינט מען אין מכילתא[16], אַז עס איז דאָ אַ קס״ד אַז בשר בחלב זאָל זיין מותר במוקדשין, נאָר מען דרש'נט דעם פסוק[17] „ראשית גו' תביא בית ה' אלקיך לא תבשל גדי בחלב אמו", אַז אויך אין „בית ה' אלקיך" איז דאָ דער איסור פון בשר בחלב.

קומט אויס, אַז עס זיינען פאַראַן דריי חלוקות בדבר:

ביי כלאי בגדים (שעטנז) — האָט די תורה מתיר געמאַכט כלאים ביי עבודת המקדש (ויתרה מזה — געהייסן) און ביי מצות ציצית;

ביי בשר בחלב איז דאָ אַ קס״ד אַז דאָס זאָל זיין מותר במוקדשין[18], נאָר מען לערנט אָפּ פון אַ פסוק אַז עס איז אסור;

און ביי כלאי בהמה וכלאי קרקע איז מלכתחילה ניטאָ קיין קס״ד אַז זיי זאָלן זיין מותר במוקדשין[19] — מען דאַרף אפילו ניט קיין לימוד אויף דעם.

15) ראה עוד ביאור באיסור בשר בחלב (מפני יניקת הקליפה מהקדושה) — ע״פ זח״ב קכד, סע״ב ואילך — בד״ה והי' כי תבא (אוה״ת תבא ע' תתרלו. תתרמב ואילך. סה״מ תרכ״ו ע' רסב ואילך. סה״מ תרכ״ז (קה״ת תשמ״א) ע' תעח). המשך חייב אדם לברך תרל״ח (ע' לא־לב). — והוא ע״ד הביאור באיסור כלאים שהובא לקמן הערה 39.

16) ס״פ משפטים.

17) משפטים כג, יט.

18) בתוד״ה כל הבשר (חולין קג, ב) דהחידוש בזה שבב״ח נוהג במוקדשין הוא ד„חייל איסור בשר בחלב אאיסור מוקדשין" (ועפ״ז אינו שייך לגדר קדשים בפרט, כ״א לכללות הענין דאין איסור חל על איסור). אבל במכילתא שבפנים מפורש שהקס״ד היא משום „שכן אסר מליקה בחולין תאמר במוקדשין".

19) ואין מביאים קרבנות מכלאים (משנה זבחים רפי״ד. תמורה יז, א. רמב״ם הל' איסורי מזבח פ״ג ה״ד. שם ה״י. הל' תמורה פ״א הי״ז). ולהעיר מתניא רפל״ז.

פאָדערט זיך הסברה: וויבאַלד אַז די אַלע אויבנדערמאָנטע איסורים האָבן דעם זעלבן תוכן — תערובות פון שני מינים (וואָס יעדערער פאַר זיך איז היתר) — וואָס איז דער טעם אויף די חילוקים הנ״ל צווישן זיי בנוגע צו עבודה במקדש וכיו״ב?

ג. ווערט מען עס פאַרשטיין ע״פ דברי הרמב״ן[20] — אַז דוקא בנוגע צו לבישת שעטנז ווערט דערמאָנט אין חז״ל[21] אַז „יצה״ר ואומות העולם משיבים עליהם", אָבער ניט בנוגע צו כלאי בהמה,

און ער איז מבאר, אַז דאָס איז דער־פאַר וואָס ביי כלאי בגדים (שעטנז) איז דער טעם אויפן איסור „נעלם", משא״כ ביי כלאי בהמה (ועד״ז כלאי קרקע) פאַרשטייט מען דעם טעם האיסור:

דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די נבראים אין אַן אופן אַז ער האָט אין די צמחים ובעלי נפש אַריינגעגעבן דעם „כח התולדה שיתקיימו המינים . . וצוה . . שיוציאו למיניהם". און דעריבער, ווען איינער איז „מערב כלאים" — ער איז מרכיב שני מיני בהמה, אָדער שני מיני זרעים (וואָס דורך דעם „ישתנו בטבעם גם בצורתם בהיותם יונקים זה מזה, ויהי' כל גרעין ממנו כאילו הורכב משני מינין") — איז ער „משנה ומכחיש . . ומערבב במעשה בראשית"[21*].

20) קדושים שם (ועד״ז בבחיי עה״פ). וראה השקו״ט בדברי הרמב״ן — בטעם האיסור — ראב״ם, גו״א, נמוקי שמואל ועוד שם. ואכ״מ.

21) תו״כ (ורש״י) אחרי שבהערה 10. יומא סז, ב (אבל להעיר שבר״ח שם מביא גם „הרבעת כלאים"). במדב״ר פי״ט, ה.

21*) ראה רמב״ן שם „וכך אמר כו' חקים שחקקתי בהם את עולמי" (והוא מירושלמי כלאים פ״א ה״ז. ויק״ר פל״ה, ד. וראה קידושין לט, א. סנהדרין ס, א (ובתוס' שם)).

[און דאָס וואָס תורה זאָגט אָן ניט נאָר „בהמתך לא תרביע כלאים", נאָר אויך „לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו" — איז „מפני שדרך כל עובד אדמתו להביא צמדו ברפת אחת ויבואו לידי הרכבה"[22].]

קומט אויס אַז עס איז דאָ אַ חילוק עיקרי צווישן כלאי בהמה וכלאי קרקע און כלאי בגדים:

ביי כלאי בהמה וכלאי קרקע איז דער עירוב אויך אין דעם „כח התולדה" פון די שני מינים, והיינו אַז דער עירוב פועל'ט אין אַן עיקר, אין זייער עצם מציאות, ובמילא איז דאָס בניגוד צו סדרי מעשה בראשית אַז זיי זאָלן זיין „למינהו" דוקא[22*];

משא"כ ביי כלאי בגדים[22*] איז עס ניט קיין תערובות אין דעם עצם המציאות פון די צמר ופשתים, נאָר בלויז אַן עירוב חיצוני[23] — ס'איז נאָר וואָס מ'איז זיי מחבר צוזאַמען אין דעם זעלבן (מקום —) בגד[24], אָבער אויך נאָכדעם בלייבן זיי צמר ופשתים (כמו שהיו) — ועד אַז מען קען זיי מפריד זיין איינער פון צווייטן.

ד. לויט דעם איז מובן, אַז דער גדר התערובות ביי בשר בחלב איז ווי אַן אופן הממוצע צווישן די צוויי אופני תערובות הנ"ל:

די תערובות בשר בחלב איז ניט אַזאַ (ווי כלאי בהמה וכו')[25] וואָס רירט אָן דעם „כח התולדה", הגידול והצמיחה לדורות; די תערובות בב"ח טוט זיך אויף ניט מער ווי אין זייער גשמיות'דיקער מציאות[26].

אָבער לאידך איז עס אויך ניט בדומה צו שעטנז — ווייל ביי שעטנז איז עס ניט קיין עירוב גמור פון די צוויי מינים צמר ופשתים, כנ"ל, משא"כ ביי בשר בחלב איז דאָך דער איסור (מה"ת) דוקא ווען מ'איז זיי מבשל יחד און איינער איז נותן טעם אין דעם צווייטן[27]; און נאָכמער: אפילו ווען „תרו לי' כולי יומא בחלבא"[28] (מען ווייקט בשר בחלב כל היום) — וואָס „יהיב בי' טעמא"[29] היות אַז כבוש כמבושל[30] — איז ניטאָ קיין איסור מן התורה, נאָר דוקא דרך בישול אסרה תורה[31]. ווייל דער איסור בשר בחלב איז שייך נאָר דאַן ווען מען מאַכט פון די צוויי מינים איין (נייע) מציאות[32] (וואָס דאָס קומט דוקא דורך בישול).

[וי"ל אַז דאָס איז די הסברה[33] בדעת

22) וכ"כ גם בפרשתנו כב, ח (בסופו). וכ"ה במו"נ ח"ג פמ"ט. וראה לקו"ש חל"ד ע' 26־125. וראה בארוכה לקו"ש חכ"ד (ע' 149 ואילך) שקו"ט בגדר האיסור דלא תחרוש גו'.

*22) ראה ירושלמי שם „למה מפני שכתוב בהן למיניהן כו'".

23) להעיר מרמב"ן קדושים שם (ד"ה ובגד כלאים קרוב לסופו): וטעם כלאי הבגדים להרחיק התערובות במינין כו'. וראה נמוקי שמואל שם.

24) וגם לדעת רש"י (נדה סא, ב — וראה גם פירושו לקדושים יט, יט הנ"ל) שמה"ת אסור רק „שוע טווי ונוז" יחד (וראה תוד"ה שוע שם. רמב"ם הל' כלאים פ"י ה"ב ובנ"כ) — ה"ז רק עירוב חיצוני לגבי כלאי בהמה וקרקע. וראה בארוכה לקו"ש חל"ד שם.

25) ולהעיר שבר"ח יומא שם מביא (בין החוקים) גם „בשר בחלב". וכ"ה ברמב"ם סוף הל' מעילה. וראה הנסמן בלקו"ש חט"ז ע' 242 הערה 11.

26) ולהעיר שרק כלאי בגדים (שעטנז) הוא תערובת שני סוגים — צומח וחי. נת' בלקו"ש חל"ד שם (ע' 127).

27) ראה רש"י ד"ה א"ל רבא — חולין קח, א.

28) פסחים מד, ב. נזיר לז, סע"א.

29) רש"י פסחים שם.

30) ראה תוד"ה דחדוש — חולין שם.

31) חולין שם.

32) ראה בארוכה צפע"נ הל' מאכא"ס וקונטרס השלמה (שצויין בהערה 13), ושם — דבב"ח הוא „הרכבה מזגיית", ע"ש.

33) צפע"נ שם.

ר׳ לוי[34] אַז דער שיעור כזית פון איסור בשר בחלב, איז אויך ווען ס׳איז דאָ בלויז אַ „חצי זית בשר וחצי זית חלב״ (אַ כזית מבין שניהם) — ווייל דער שם איסור לייגט זיך (ניט אויף דעם בשר באַזונדער און דעם חלב באַזונדער, נאָר) אויףביידע צוזאַמען — ווי זיי זיינען איין מציאות פון בשר בחלב[35].

ה. ס׳איז ידוע וואָס שטייט אין בחיי[36], אַז דער ענין פון איסור כלאים איז (ניט נאָר אַן עירבוב בגשמיות, נאָר אויך) וואָס מ׳איז „מערבב הכחות העליונים . . הכלאים . . חיבור שני קצוות שהם שני הפכים . . אין חבורן עולה יפה״

[ועד״ז ביי בשר בחלב איז ער מבאר[37], אַז בשר און חלב זיינען אַ „דוגמא ורמז״ צו „דברים מיוחדים״ למעלה, וואָס די תערובות פון בשר בחלב למטה פועל׳ט דעם ערבוב פון „דברים ההם (וואָס) כל אחד ואחד (דאַרף זיין) מיוחד בפני עצמו״].

און ווי ס׳איז מבואר[38], אַז צמר ופשתים (ועד״ז שור וחמור; בשר און חלב) זיינען מרמז אויף חסד און גבורה וועלכע זיינען מדות הפכיות, און דער־פאַר איז „אין חבורן עולה יפה״[39].

ועפ״ז הנ״ל (סעיף ג) אין דעם חילוק צווישן כלאי בהמה (וקרקע) און כלאי בגדים — איז מובן, אַז אויך בנוגע דעם „ערבוב״ פון די „כחות העליונים״ (פון חסד וגבורה) וואָס „אין חבורן עולה יפה״, איז דאָ אַ חילוק עיקרי צווישן די צוויי סוגים הנ״ל (ועד״ז — בנוגע בשר בחלב).

ו. וועט מען עס פאַרשטיין בהקדם אַ תמי׳ לכאורה[40] אויפן ביאור האמור (אַז „כלאים . . הוא חבור שני קצוות שהם שני הפכים״):

מען געפינט אַז אַ חיבור פון שני הפכים איז אדרבא אַ מעלה הכי נפלאה — ענין השלום, וואָס „כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם״[41]; און איינער פון די עיקרי העבודה איז צו פועל זיין התכללות המדות

[וכידוע דער ביאור[42] במחז״ל[43]

---

34) חולין קח, ב. וכ״ה ההלכה — רמב״ם הל׳ מאכא״ס פ״ט ה״א (ובמ״מ ולח״מ שם).

35) וי״ל שכ״ה גם לדעת רב (דפליג אלוי), ומה שס״ל שאינו לוקה — כי לפני הבישול עדיין לא נעשו מציאות אחת חדשה, ועל כל חצי זית לעצמו — א״א לחול שם האיסור (עיין רש״י שם ד״ה לעולם. ולהעיר משו״ע אדה״ז או״ח סתנ״א סי״ג בהגה״ה).

36) קדושים שם (וראה רמב״ן שם „ומחברינו מוסיף כו׳״, וברמב״ן שופטים יח, ט) — הובא ונתבאר באוה״ת פרשתנו (ע׳ תתקס ואילך). אוה״ת נ״ך ע׳ קלב ואילך. וראה הערה 39.

37) משפטים שם „על דרך הקבלה״ (וראה הנסמן לעיל בשוה״ג להערה 13).

38) ראה במקומות שנסמנו בהערה 13.

39) ל׳ הבחיי קדושים שם. — אבל בבחיי הכוונה (וראה אוה״ת פרשתנו ונ״ך שם) — ע״פ זח״ג פו, ב ואילך (הובא באוה״ת פרשתנו ריש ע׳ תתקס) — ד„כלאים זה מצד הרוח הטובה וזה מצד הרוח הרעה ואנחנו נצטוינו להמשך אחר רוח הקודש ולהתרחק מן הרע . . על כן נאסר לנו הכלאים כי הוא חבור שני קצוות כו׳״, היינו שהוא חיבור של רוח הקדושה עם רוח הטומאה (ועי״ד המבואר בהערה 15). וכ״ה בד״ה לא תחרוש תרכ״ז (לענין לא תחרוש גו׳). ועוד. ועיין אוה״ת בראשית (כרך ג) תקפא, א. סד״ה לא תלבש תרע״ח;

משא״כ במקומות שנסמנו בהערה 13 מבואר שהאיסור הוא מצד התערובות דחו״ג. וראה גם לקו״ש חי״ז ע׳ 228 ואילך (ובהערה 28 שם). חל״ו ע׳ 156 ואילך.

40) כמו שהקשה באוה״ת נ״ך שם. ד״ה לא תלבש תרע״ח ע׳ תח. וראה מאמרים שנסמנו בהערה 13.

41) רמב״ם סוף הל׳ חנוכה.

42) לקו״ת אמור לז, ד. מטות פז, ב ואילך. ובכ״מ.

43) תענית כ, סע״א.

„לעולם יהא אדם רך כקנה ואל יהא קשה כארז״, אַז אַ מענטש האָט מדות, אָבער ער דאַרף האָבן „ווייכע״ מדות, וואָס דאָס מיינט אַז יעדע מדה גיט אַן אָרט צו דער מדה הפכית (וע״ד המבואר ברמב״ם[44] אַז „הדרך הישרה היא מדה בינונית שבכל דעה ודעה״)] —

און דאָ זאָגט מען אַז דער איסור פון כלאים באַשטייט אין דעם וואָס מ׳איז מערבב די מדות פון חסד וגבורה?!

שטייט אויף דעם דער ביאור[45], אַז די התכללות המדות אין קדושה איז ע״ד ווי „תערובות מין במינו״, ווייל אַלע ענינים פון קדושה — „הכל הוא מין א׳, הביטול וההכנעה אליו ית׳״[46]. און דערפאַר געפינט מען, אַז אין עבודת ה׳ קענען זיין ביידע מדות הפכיות דחסד וגבורה צוזאַמען, ווי עס שטייט אין ספרי עה״פ ואהבת את ה״א[47] — „אין לך אהבה במקום יראה ויראה במקום אהבה אלא במדת הקב״ה בלבד״.

אין עניני העולם, אָבער — וואָס דער גדר פון עולם איז וואָס ער פילט זיך אַ מציאות (ביז אַז מען קען מקיים זיין דורך עם מצוות[48] תפילין וכיו״ב) — איז דער „ציור״ פון יעדער מדה מיט אַ תוקף, און אַזאַ תוקף, וואָס גיט ניט קיין אָרט פאַר אַ צווייטער מדה ובפרט — אַ מדה הפכית, און דעריבער — „אין לך אהבה במקום יראה ויראה במקום אהבה״. ובמילא, אויב ס׳איז יע פאַראַן אַ חיבור ועירבוב פון שני הפכים אין עניני העולם, איז עס באופן פון תערובות „מין בשאינו מינו״;

משא״כ אין קדושה — וואָס קדושה איז ענינה ביטול[49] צום אויבערשטן — זיינען די מדות הפכיות פון חסד וגבורה ניט בהתנגדות איינע צו דער צווייטער, נאָר אדרבה, זיי זיינען באמת „מין אחד״ — דער תוכן וענין פון ביידע מדות איז איינער און דער זעלבער: עבודת ה׳.

[ע״ד ווי חז״ל[50] זאָגן אויפן פסוק[51] „עושה שלום במרומיו״ — „מיכאל[52] שר של מים וגבריאל שר של אש ואין מכבים זה את זה״ — ווייל שטייענדיק לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה פילן זיי ניט דעם אייגענעם תוקף ומציאות, נאָר בלויז דאָס וואָס זיי זיינען שלוחיו של המלך (הקב״ה) ובמילא איז ניטאָ קיין ניגוד צווישן זיי, ביידע זיינען „מין אחד״ — שלוחי המלך[53]].

ז. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין דעם חילוק צווישן די צוויי סוגים הנ״ל אין כלאים — כלאי בהמה (וקרקע) און כלאי בגדים:

בשעת מען איז מחבר ומערבב צוזאַמען צוויי דברים הפכים — זיינען דאָ צוויי אפשריות׳ן באופן פון תוצאות הפכיות: א) מ׳איז מבטל זייערע ציורים הפכיים וסותרים, ווערט צווישן זיי שלום; ב) יעדערער בלייבט בתקפו אויך דאַן ווען מען ברייננגט זיי צוזאַמען — ווערט דערפון אַ פלוגתא ומחלוקת.

און די צוויי אופנים ווערן אויסגעדריקט אין די צוויי סוגי כלאים:

44) הל׳ דעות פ״א ה״ד.

45) אוה״ת נ״ך שם (אלא דשם קאי לפי הביאור דאיסור כלאים הוא „שעי״ז מחבר רוח הקדושה עם רוח הטומאה״). מאמרים שבהערה 13.

46) ל׳ אוה״ת שם (ריש ע׳ קלג).

47) ואתחנן ו, ה.

48) ראה ד״ה מי כמוכה הידוע — לאדמו״ר מהר״ש (סה״מ תרכ״ט ע׳ קמח).

49) להעיר מתניא פכ״ב, ועוד.

50) במדב״ר פי״ב, ח (וש״נ). אגה״ק סי״ב.

51) איוב כה, ב.

52) ל׳ אגה״ק שם (ובבמדב״ר שם (ועוד) בשינוי לשון).

53) ראה גם רש״י וארא ט, כד: אש . . מים . . ולעשות רצון קונם עשו שלום ביניהם.

בײַ כלאי בהמה וכלאי קרקע — וואָס די מטרה אין דעם איז „להוליד מינים זרים משונים בתולדות"[54], מ'וויל פון די צוויי מינים שאַפן אַ נײַע מציאות משונה — איז דער חסרון אין דעם „ערבוב" דערין וואָס דורך דעם ווערן זיי נתבטל אַלס צוויי באַזונדערע מינים (יעדער לויט זײַנע תכונות כו'), זיי ווערן היפך רצון הבורא וואָס האָט זיי באַשאַפן אַלס באַזונדערע מינים און געוואָלט אַז זיי זאָלן פאַרבלײַבן אין זייערע באַזונדערע גדרים, תפקידים כו'

[וע"ד ווי אין דעם ענין פון „עושה שלום במרומיו" (הנ"ל) — איז ניט דער פירוש אַז דורך זייער ביטול צום מלך (הקב"ה) ווערן נתבטל די באַזונדערע תפקידים פון מיכאל וגבריאל (שר של מים און שר של אש) — דאָס וואָלט געווען היפך רצון המלך — נאָר יעדע־רער בלײַבט בײַ זײַן ענין און פירט דורך תפקידו, אָבער צוזאַמען דערמיט איז „ואין מכבין זה את זה"][55];

משא"כ בײַ כלאי בגדים איז דער חסרון אַ פאַרקערטער: ווײַבאַלד דער צמר און די פשתים בלײַבן במציאותם

— און (א) די „כחות העליונים" וואָס אין זיי זײַנען דאָך שני הפכים (חסד וגבורה), (ב) עס רעדט זיך וועגן ענייני העולם בײַ וועלכע ס'איז ניטאָ בגלוי דער ענין הביטול ובמילא איז זייער חיבור אַ תערובת „מין בשאינו מינו" — ווערט פון זייער חבור וערבוב אַ תוצאה הפכית — אַן ענין פון פירוד ומחלוקת.

ח. ע"פ כל הנ"ל קען מען אויך מסביר זײַן די דרײַ חילוקים הנ"ל (סעיף ב) בנוגע צו מקדש וכו':

דער טעם אויפן היתר פון כלאים בציצית, און אַזוי אויך בשייכות לעבודת המקדש, איז[56] — ווײַל אין אַן ענין פון מצוה וקדושה („מדת הקב"ה") טוט זיך אויף דורכן עירבוב פון שני הפכים (ניט קיין פירוד ומחלוקת, נאָר אדרבה) שלום ואחדות (כנ"ל בארוכה).

במה דברים אמורים — אין אַזאַ סוג כלאים וואו דער „ערבוב" פירט צו פירוד ומחלוקת, וואָס דער חסרון איז ניט שייך בײַ אַ דבר מצוה וקדושה; אָבער אין אַזאַ סוג כלאים, וואו דער „ערבוב" איז מבטל דעם „למיניהם", די סדרי הבריאה, איז קיין נפק"מ ניט צי עס רעדט זיך וועגן ענייני העולם אָדער וועגן אַ דבר מצוה וקדושה — בכל אופן טאָרן ניט בטל ווערן די גבולות וואָס דער אויבער־שטער האָט אײַנגעשטעלט.

און דערפאַר איז בײַ כלאי בהמה וכלאי קרקע ניטאָ קיין קס"ד אפילו אַז מען זאָל זיי מתיר זײַן במוקדשין.

דוקא בײַ בשר בחלב, וואָס יש מקום לומר אַז עס געהערט צום סוג פון כלאי בגדים (כנ"ל סעיף ד'), איז דאָ אַ קס"ד אַז דאָס זאָל זײַן מותר במוקדשין (ע"ד ווי שעטנז בבגדי כהונה).

---

54) לשון הבחיי קדושים שם. ועד"ז בפרשתנו שם, יוד.

55) אין זה סתירה לזה שיש אופני התכללות בקדושה שמתבטלים הציורים הפרטיים (ראה ס' הליקוטים דא"ח דהצ"צ ערך התכללות (וש"נ). ובכ"מ) — כי זהו מצד פשיטות האוא"ס (שלמעלה מהשתלשלות), אבל בנוגע לענייני העולם (וס' השתלשלות) הרי רצון הבורא שיהי' „למינהו" דוקא, קוין חלוקים כו'.

56) מאמרים שבהערה 13. וראה אוה"ת פרשתנו (ע' תתקסב. ע' תתקעז. כרך ו ע' ב'שנט) — לפי הביאור דכלאים למטה הוא תערובות קדושה עם סט"א, משא"כ בשרשן (ומפרש (שם ע' תתקסא ואילך) לשון הבחיי. ע"ש). וראה זח"ג שבהערה 39.

אָבער די מסקנא איז, אַז „בית ה' אלקיך לא תבשל גו'" — ווייל דער גדר פון בשר בחלב איז (כנ"ל) וואָס מען שאַפט אַ מציאות חדשה, איז עס בדומה צום סוג פון כלאי בהמה, וואָס דער אופן פון תערובות איז אסור אויך במוקדשין[57] (כנ"ל).

ט. עס שטייט אין בחיי[58] אַז „באותו הזמן (לעתיד לבוא) . . יהי' איסור בשר בחלב בטל" (און עד"ז געפינט מען אַז די מלאכים (ביי אברהם'ן) האָבן געגעסן בשר בחלב[59]).

57) והמבואר במאמרים שבהערה 13 (ובאוה"ת משפטים שנסמן בשוה"ג להערה הנ"ל) דזה שהמלאכים אכלו בשר בחלב אצל אברהם הוא דוגמת היתר כלאים בציצית ובגדי כהונה (שהם בחי' קדושה) — ראה לקמן סעיף ט ובהערה 61.

58) משפטים כג, יט (בסופו). — ולהעיר מענין עתיד חזיר ליטהר והשקו"ט בזה*.

59) וירא יח, ח. מדרש תהלים ח, ב. וראה תו"ש וירא שם אות קכג (וש"נ).

*) מרז"ל בלשון זה הובא: בשל"ה פ' חיי שרה. מדרש תלפיות ענף חזיר בשם ר' בחיי. ס' הקנה (?). תו"א וישלח כה, א. לקו"ת ד"ה וכל בניך ס"ג. קהלת יעקב מע' חזיר. בס' הברית ח"א מ"כ דרך אמונה פל"א בשם **מדרש תנחומא** (כ"כ בס' נפש חיים). ועוד. — (וראה ג"כ עשרה מאמרות מאמר חקור דין ח"ד פי"ג. אור החיים פ' שמיני). —

בלשון: שעתיד הקב"ה להחזירו לישראל (לנו): בחיי שמיני י"א, ז' (לנו). שו"ת הרדב"ז ח"ב תתכ"ח ומגן דוד להרדב"ז ט' (לישראל). אור יקרות (לישראל להיתרו הראשון). ראש אמנה למהר"י אברבנאל פי"ג. ריטב"א קידושין מט, א. רקנטי פ' שמיני. ישועות משיחו בשם **בראשית רבה** (כ"כ בשד"ח). תורת משה להחת"ס פ' שמיני. מאו"א ח, ו (חזיר נק' ק"נ ולכן במיתוקה עתידה לחזור ותהי' קדושה).

כמה פי' במרז"ל אלו נקבצו בשדי חמד: כללים אות ג' ער' פאת השדה ג' ז' ואות ח' ח' שיורי הפאה ג' ז'.

ואחרי שכל הנ"ל שקו"ט במאמר זה — תמוה דעת היפ"ת ויק"ר פי"ג ג' — הובא בס' ערה"כ לבעהמ"ס סה"ד — שמאמר זה לא הי' ולא נברא!

וע"פ המבואר לעיל קען מען דאָס מסביר זיין:

ס'האָט זיך גערעדט פריער (סעיף ד') אַז דאָס וואָס בשר בחלב ווערט אַ מציאות חדשה איז נאָר בנוגע זייער גשם וחומר, דאָס רירט אָבער ניט אָן זייערע „כחות", פנימיות המציאות. דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז בנוגע די „כחות העל־יונים" וואָס אין בשר וחלב (וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט זייער פנימיות המציאות) איז די תערובות ע"ד ווי כלאי בגדים (וואָס יעדער כח פאַרבלייבט אין זיין מציאות).

און דאָס איז דער חילוק צווישן זמן הזה און „אותו הזמן":

אין עוה"ז פון זמן הזה זעט מען נאָר דעם גשם וחומר פון יעדן דבר גשמי. און וויבאַלד אַז בנוגע דעם גשם וחומר הדבר איז פון דעם עירוב בשר בחלב געוואָרן אַ מציאות חדשה, דערפאַר דאַרף אויסקומען אַז ע"פ דיני התורה (שניתנה למטה אין עוה"ז, בארץ דוקא, נשמה בגוף) איז דאָס אַ תערובות בדומה צו כלאי בהמה (ובמילא אסור אויך ביי אַ דבר מצוה וכו').

משא"כ לעתיד לבוא, ווען עס וועט מקויים ווערן דער יעוד[60] „ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דבר" — מ'וועט זען[61] ווי די אמת'ע מציאות פון שמים וכו' איז (ניט זיין גשם וחומר, נאָר) דער „בדבר ה'" דורך וועלכן „נעשו"[62] („פי ה' דבר") וואָס איז מהווה ומחי' ומקיים יעדן נברא[63] —

60) ישעי' מ, ה.

61) וכן גם עתה בעולם המלאכים, שהם „עליונים" מובדלים מן הגשם.

62) תהלים לג, ו.

63) כמשנ"ת בארוכה בשער היחוד והאמונה פ"א ואילך.

וועט עד״ז זיין בנוגע למציאות של בשר בחלב, אַז מ׳וועט זען אין אים זיין אמת׳ע **מציאות, דעם דבר הוי׳ און די „כחות העליונים״ שבו — און זיי ווערן דאָך** ניט **נתבטל דורך דער תערובות**, כנ״ל;

און וויבאַלד אַז די גאַנצע וועלט וועט דעמאָלט נזדכך ווערן און ווערן אַן **עולם של** קדושה[64] **און אַן עולם קדוש — איז,** אדרבה (כנ״ל): **דער עירוב פון (בשר בחלב —) חסד וגבורה אין קדושה איז אַן ענין הכי נעלה, שלום ואחדות**[65].

(משיחות ש״פ משפטים תשל״ה־ו, תש״מ)

---

64) ראה תניא ספל״ו.

65) ולכאורה עפ״ז צ״ל שגם כלאי בגדים יהי׳ מותר לעת״ל. וצ״ע.